גליון

# אָמֵן וְאָמֵן

אמר רבי יהושע בן לוי כל העונה אמן יהא שמיה רבא מברך בכל כוחו קורעין לו גזר דינו
שבת קיט: זוה"ק ח"ג, כ

אין גדול לפני הקב"ה יותר מאמן שישראל עונין
דברים רבה ז

בגודל מעלת עניית "אמן" ו"אמן. יהא שמיה רבא" וקדושת בית המדרש | חודש אייר תשפ"ה | גליון רי"ד

## וואס קען מען קיים ווארטן מקיים צו זיין?

עס איז נישט קיין ספק, אז דער מענטש וואס גלייבט אין דעם ענין מיט זיין גאנצן הארץ, וועט זיין הארץ אים זיכער טראגן און ער וועט לויפן מיט אן השתוקקות און שמחה צו ענטפערן "אמן" און "קדיש", און **ער וועט קענען קוים אויסווארטן ווען ער וועט קענען מקיים זיין די מצוה נאכאמאל און נאכאמאל**. אזוי ווי עס שטייט אין זוהר הק' אז וואס איז דאס א **"נוטר אמן"?** אזא איינער וואס קען קוים ווארטן ער זאל עס קענען מקיים זיין, אזוי ווי "ואביו שמר את הדבר" (אז יעקב האט קוים געקענט ווארטן יוספ'ס חלום זאל פארווירקליכט ווערן).

ווער וועט זיך דען נישט פרייען אויב פון זיינע קופענע פרוטות ווערן שטיקער גאלד? דאס זאגן דעם ווארט **"אמן"** איז דאך אזוי גרינג און לייכט און ער קויפט זיך אן דערמיט וואונדערליכע אוצרות אויף אייביג, דאס וואס קיין שום הון בעלמא קען נישט קויפן. **וואו טייער און וואונדערליך ביסטו אמן! וואו גרויס ביסטו אמן!** וואויל איז דער וואס איז זוכה צו אט דער מתנה, אזוי ווי עס שטייט: שש אנכי על אמרתך כמוצא שלל רב!

## רעכן דעם שכר אויף 'אמן' קען איך שאדן

עס איז א גרויס וואונדער אויף די מענטשן וואס קומען אין בית המדרש צו דאווענען מיט מנין, און צום סוף פונעם דאווענען אנטלויפן זיי. אזא מענטש (אויב איר וועט מיר פרעגן) וואלט דאך גרייט געווען צו געבן א הון רב פאר די כבוד התורה און כבוד השי"ת, למשל, אום שמחת תורה וועט ער זיין גרייט צו באצאלן גרויסע געלטער פאר "חתן תורה" אדער "חתן בראשית", און יו"כ פאר "מפטיר יונה"... **על אחת כמה וכמה וואלט ער דאך געדארפט אוועקגעבן זיין גאנצע פארמעגן פאר אזעלכע זאכן וואס ברענגען אים גן עדן, צורייסט זיין גזר דין, מחילת עוונות, אריכות ימים. און פונקט דא איילט ער זיך ארויסצולויפן פון שול און ער פארפאסט פיל מיט אמנים און קדשים, אזעלכע זאכן וואס ברענגען אים נצחיות און אזויפיל ברכות, און אלעס צוליב וואס? צו פארזוכן נאך אביסל פונ'ם קללה "בזעת אפך תאכל לחם"? ס'איז דאך נורא נראות צו פארטוישן אזעלכע אייביגע רגעים וואס ברענגען בלויז ברכה, צו א קללה, היתכן?!**

ווען א מענטש וואלט געווען קלאר און פארשטאנען וואס עס איז זיין תפקיד אויף די וועלט וואלט ער דאס קובע געווען אין זיין הארץ און אין זיין מח און ער וואלט געלעבט אויף דעם אמת. אויף אזא אופן וואלט ער זיך גרינגערהייט געקענט שטארקן אויף זיין געוואוינהייט, און אנשטאטס זיין פון די וואס איילן זיך וועט ער זיין די וואס קומען פרי און שול און גייען אוועק שפעט, און זיין פון די וואס זענען מקיים דעם דין אין שולחן ערוך" ישתדל לרוץ לענות קדיש. (סימן נו, סעיף א')

(נוטרי אמן עמוד 18)

לע"נ האה"ח מרת יהודית בת ר' שמואל מאיר ע"ה הכ"מ

אפשר להשיג הגליונות היו"ל מדי חודש בחודשו
718-305-6886 | Umein.Vumein@gmail.com | www.UmeinVumein.org

לעילוי נשמת הרה"ק רבי ישראל מאיר בן הרב רבי אריה זאב זצ"ל בעל החפץ חיים
ולע"נ הרה"ק רבי משולם פייש בן רבי מרדכי ד"ע, אבד"ק טאהש - ולע"נ הרה"ק רבי חיים זאנויל בן הר"ר משה זצ"ל, האדמו"ר מריבניץ